UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Sovetishe Yidn In Los Andzsheles/ Soviet Jews in Los Angeles

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/85v7g348

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

Author
S. Nutkevitz, S. Nutkevitsh/

Publication Date
1980

Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ס. נאָטקעוויטש

# די סאָוועטישע יידן אין לאָס אַנדזשעלעס

די יידישע עמיגראַציע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיבן יאָר צוריק, סוף 1973. ביז איצט האָבן זיך דאָ מיט אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס באַזעצט אַרום זעקס טויזנט סאָוועטישע יידן.

זייער אָנקומען איז געווען די סענסאַציע פון טאָג, ווייל במשך די איבער זעכציק יאָר עקזיסטענץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס אַהערקומען פון אַ סאָוועטישן ייד געווען אַ זעלטנהייט. עס פאַרשטייט זיך דעריבער אַז זייער אַהערקומען האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע נייגעריקייט ביי די היגע יידן. יעדער ייד האָט געוואָלט זיי זען און הערן — ווי קוקן זיי אויס? וואָס דערציילן זיי? ווייסן זיי עפּעס וועגן קרובים אָדער באַקאַנטע? ריידן זיי יידיש? און דער עיקר, פאַרוואָס זיינען זיי אַוועק פון דאָרט? האָט מען זיי געצווונגען? זיינען טאַקע אמת די אַנטיסעמיטישע ניַיעסן וועגן יידן־פאַרפאָלגונגען? קורץ, עס איז געווען אַ גרויסע נייגעריקייט ביי אַלעמען צו באַגעגענען און צו ריידן מיט די ניי־געקומענע. מען איז

---

יעקב י. מייטליס (סוף פון זייט 9)

צעקריגטע צדדים. ירבעם גופא איז נאָך געשטאָרבן פון אַ נאַטירלעכן טויט און „איינגעגאַנגען צו זיינע עלטערן", אָבער אין דער צייט פון זיין יורש, נדב, האָט זיך געמאַכט אַ סומאַטאָכע. בעשה, איינער פון זיינע פעלדהאַרן, האָט מורד געווען אין אים און איבערגענומען די ממשלה איבערן גאַנצן מלכות ישראל.

ווי עס האָט זיך פאַרצייטנס געפירט, האָט דער פרעטענדענט אויסגעהרגעט דאָס גאַנצע הויז פון ירבעמען, נישט איבערגעלאָזט קיין לעבעדיקן נפש (מלכים א', ט"ו, כ"ט). ווי אַזוי אָפט אין תנ"ך, הערן מיר אויך דאָ דעם כסדדריקן פיזמון אַז דאָס אַלץ איז געקומען צוליב די גרויסע זינד און פאַרברעכן פון ירבעם בן נבט. ער איז דאָס געוואָרן שפּעטער דער סימבאָל און פראָטאָטיפּ פון אַלדאָס בייז, דער היסטאָרישער בעל־חטא, וואָס האָט געמאַכט זינדיקן דאָס פאָלק ישראל!

ווי ווייט אָבער אַלע האַרטע און ביטערע שטראָף־רייד פון דעם נביא אחיה השילוני און זיין אימהדיקער פאָרויסזאָג אויף די קומענדיקע געשעענישן, וואָס ווערן איבערגעגעבן פון דעם תנכישן דערציילער, זיינען עכט און אויטענטיש, איז שווער צו זאָגן. אַ סברא, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ווי אין אַ ריי אַנדערע שטעלן, מיט אַ שפּאָר ביסל שפּעטערדיקע הוספות אויפן סמך פון די טראַגישע פאַרלויפענישן, וואָס האָבן געמאַכט אַ טיפן רושם אויפן פאָלק און די היסטאָרישע דערציילערס. בדרך כלל איז דאָס געווען דער היסטאָריאָסאָפישער אויסקוק ביי יידן, מיט זיין איינקלער און אינטערפּרעטאַציע, וואָס אַ שפּעטערדיקער דור פון אָפּגעהיטע שרייבערס און רעדאַקטאָרן האָבן פון זייער זייט אַריינגעטראָגן, מיט אַ שפּאָר ביסל צוגאָבן און אינטערפּאָלאַציעס אינעם כוללדיקן סכום פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער יידישער געשיכטע. דערפון זאָלן קומענדיקע דורות אָפּלערנען אַ סוסר־השכל ווי אַזוי זיך אויפצופירן אין לעבן — גוט צו גאָט און צו לייט.

טעקסט פּראָבלעמאַטיק איז אַן ענין פאַר תנ"ך־פאָרשערס און היסטאָריקערס, און קער זיך נישט אָן מיט דעם עצם פון אונדזער איצטיקער טעמע. דאָ האָבן מיר פאַר אונדזערע אויגן די באַהויכטע און ליכטיקע געשטאַלט פון דעם נביא אחיה און זיין צייט, מיט זיין מאָראַלישן אויפברויז און הייליקן צאָרן, וואָס קעמפט און ראַנגלט זיך מיט צביעות און שקר, פאַר אַן אַבסאָלוטן אמת און יושר. פון אַזאַ טייג זענען אַלע נביאים געווען געקנאָטן, און מיט זייער צושטורעמטער שליחות איבערגעלאָזט אַ גרויסע און רייכע קולטור־ירושה פאַרן יידישן פאָלק און דער וועלט בכלל.

(לאָנדאָן, חשון תש"ה)

געווען פֿאַראינטערעסיט אין דער „אַנדערשקייט“ פֿון די סאָוועטישע יידן.

מער ווי פֿופֿציק יאָר האָט דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע אַפּאַראַט געטומלט איבער דער וועלט וועגן דעם „נייעם“ סאָוועטישן מענטש און וועגן דער „כאַראַקטער־ענדערונג“ וואָס איז פֿאָרגעקומען אינעם סאָוועטישן בירגער. די „נייקייט“ האָט געזאָלט אַרומנעמען דעם „גאַנצן“ מענטש — זיין אינערלעכקייט און זיין אויסערלעכקייט. סאָוועטישע שרייבערס האָבן מיט שיינע קאָלירן געמאָלן די גרויסע ענדערונג וואָס דער סאָוועטישער מענטש גייט דורך, אַז דאָס באַווירקט זיין אויסזען און אַז ער ווערט פֿיזיש שענער און גראַציעזער. עס האָבן זיך געפֿונען געננוג „יאָר־עדות“, פּסיכאָלאָגן און סאָציאָלאָגן וואָס האָבן באַשטעטיקט אַז עס קומט טאַקע אויף אַ „נייער מענטש“ מיט אויסערגעווינטלעכע עטישע און עסטעטישע מעלות.

און דאָס אַלץ איז געשען אין דער צייט ווען אַ משוגענער טעראָר פֿון „טשעקאַ“ און „געפּעאו“ האָט געבושעוועט, ווען מיליאָנען מענטשן זיינען געמסרט געוואָרן, פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט אָדער פֿאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר; ווען נעכטיקע פֿירערס פֿון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם און גענעראַלן פֿון דער סאָוועטישער מאַכט זיינען געמישפּט געוואָרן ווי פֿאַרקויפֿטע שפּיאָנען פֿון אימפּעריאַליזם, און ווען אַנדערע קאָמוניסטישע פֿירערס האָבן זיך „מודה“ געווען אין כל־ערליי פֿאַרברעכנס וואָס זיינען נאָך ביז היינט געבליבן אַ רעטעניש ניט צו גלייבן און ניט צו פֿאַרשטיין.

אויף אַלע פֿראַגן וואָס די וועלט האָט געפֿרעגט האָט מען געגעבן דעם באַקאַנטן חסידישן ענטפֿער: „נו, זעסט דאָך!“

אין ליכט פֿון דעם אויבן־געזאָגטן בין איך אַליין אויך געווען נייגעריק צו באַגעגענען יעדן סאָוועטישן מענטשן און בפֿרט יידן. איך בין גרייט געווען צו פֿאַרגעסן מיין אידעיִשע קעגנערשאַפֿט צום קאָמוניזם. מיין פּערזענלעכע באַשעפֿטיקונג האָט מיר אויך צוגעהאָלפֿן זיך צו באַקענען מיט די נייע אימיגראַנטן באַלד נאָך זייער אָנקומען, און קענענדיק זייער שפּראַך איז מיר לייכט אָנגעקומען זיך גיך צו פֿאַרשטענדיקן מיט זיי.

איז ווי האַלט עס טאַקע מיט דעם „נייעם“ סאָוועטישן בירגער?

דער ניי־געקומענער סאָוועטישער ייד האָט אַלע אונדזערע באַקאַנטע „שוואַכקייטן“: ער האָט ליב צו לעבן באַקוועם, צו עסן צו דער זאַט; וויל זיין שיין געקליידט, וווינען אין אַ באַקוועמע דירה. ער האָט פֿיינט צו ווערן אויסגענוצט; וויל קריגן פֿאַר זיין אַרבעט גוט באַצאָלט און איז ניט צופֿרידן ווען עס קומט אים אָן שווער צו אַרבעטן. ער האָט אויך אונדזער שוואַכקייט מקנא צו זיין אַנדערע וואָס פֿאַרמאָגן מער ווי ער, אָדער וואָס לעבן בעסער ווי ער. די סאָוועטישע פֿרויען, פּונקט ווי אַלע פֿרויען, האָבן ליב אויסצוזען שיין און צו זיין געקליידט שיין. אויך אין פּרט פֿון מאָראַל און פֿאַרברעכן שטייט דער סאָוועטישער ייד אויף דער זעלבער מדרגה ווי אַלע אַנדערע יידן.

ס'איז דעריבער געווען פֿאַלשע אינפֿאָרמאַציע און פּוסטע פּראָפּאַגאַנדע פֿאָרצושטעלן דעם סאָוועטישן מענטש ווי אַן אינערלעך און אויסערלעך געענדערטן. עס איז ניט אמת אַז אַ מענטש ענדערט צום גוטן זיין כאַראַקטער און וועזן אין אַ געזעלשאַפֿט וואָס איז געבויט אויף פֿאַלשקייט, ליגן, פּערזענלעכער פֿאַרשקלאַפֿונג, אויסנוצונג און פּאָליטישער הפקרות.

איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די עמיגראַציע פֿון די סאָוועטישע יידן קיין ישראל און אַמעריקע האָבן פֿאַרשידענע שרייבערס וואָס האָבן באַזוכט דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אונדז איבערגעגעבן וועגן אַ רעליגיעזן דאָרשט, וואָס הערשט אין אַלע סאָוועטיש באַהערשטע לענדער. אייניקע האָבן ספּעציעל אונטערגעשטראָכן דעם יידיש־רעליגיעזן דאָרשט. איך מיין אַז זיי האָבן אָדער אַביסל מגזם געווען דעם „דאָרשט“ אָדער דער עלעמענט וואָס איז אַהער געקומען איז ניט דער זעלבער וואָס די שרייבערס האָבן דאָרט באַגעגנט. לויט מיינע ידיעות און פּערזענלעכע באַאָבאַכטונגען איז נאָר אַ געוויסער טייל

פון די נייע עמיגראַנטן פאַראינטערעסירט אין רעליגיע.

אויך אין דעם פּרט זיינען יענע יידן ענלעך צו אונדז. בעת די ימים נוראים אָדער אַנדערע ימים טובים איז דאָ אַ גרעסערע פאַראינטערעסירונג צו גיין אין שול אָדער טעמפּל. עלטערן וואָס האָבן יונגע קינדער זיינען מער פאַראינטערעסירט צו געבן זייערע קינדער אַ רעליגיעזע דערציִונג. אויך וויל איך אונטערשטרייכן, אַז ברית־מילה איז כמעט אַן אַלגעמיינע דערשיינונג. ווי באַוווּסט איז ברית־מילה פאַרווערט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. בכלל איז פרומקייט ביי די ניי־געקומענע אַ זעלטנהייט, און נאָר צווישן עלטערע יידן קען מען עס געפינען. און יידישער רעליגיעזער וויסן איז אויך בכלל אַ באַגרענעצטער צווישן זיי. עס קומט דאָ פאָר דער זעלבער פּראָצעס וואָס ביי דער היגער יידישער באַפעלקערונג: די קינדער וואָס לערנען אין די רעליגיעזע שולן ברענגען אַהיים צו זייערע עלטערן זייער יידישן וויסן. אין טייל היימען האָבן זיי אויך גורם געווען אַריינצוברענגען כשרות. די עלטערן זיינען מודה, אַז דער „יידישער באַוווּסטזיין“. דער אינטערעס צו ישראל, ציוניזם, איז אַ סך אַ שטאַרקער ווי זיי האָבן עס געהאַט דאָרטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער געפיל פון „באַלאַנגען“, פון זיין אָנגעשלאָסן אָרגאַניזאַציאָנעל אין שולן, אין אינסטיטוציעס איז נאָך אַלץ אַ שוואַכער, אָבער וואָס אַמאָל מער מערקט זיך אין דעם פּרט אַן אויפלעבונג. די יידישע קאָמיוניטי צענטערס און אַ סך רעליגיעזע אינסטיטוציעס מאַכן ספּעציעלע מיטגלידער הנחות וואָס העלפט אַ סך.

צווישן די פאַרשידענע משונהדיקע „ידיעות“ וועגן די ניי־געקומענע געפינען מיר אויך די איינרעדעניש אַז זיי זיינען געקומען רייך; אַז זיי ווילן גלייך „דאָס טעלערל פון הימל“; אַז עס פּאַסט זיי ניט צו אַרבעטן ביי יעדער סאָרט אַרבעט; אַז זיי ווילן די שטאָט זאָל זיי שטיצן... דער אמת איז אַז דער סאָוועטישער עמיגראַנט איז אַ שווער אַרבעטנדיקער מענטש, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין צום שווערקייט און נעמט פאַר ליב יעדע אַרבעט וואָס לאָזט אים מאַכן אַ לעבן. ספּעציעל די גאָר קוואַליפיצירטע אַרבעטער און וויססנשאַפטלער האָבן זיך דאָ זייער גיך גוט איינגעאָרדנט און פילן זיך גליקלעך צו געניסן פון די פרייהייטן וועגן וועלכע זיי האָבן געחלומט.

ווי גיך אַט די אַלע ניי־געקומענע וועלן זיך אַריינגיסן אין שטראָם פון אונדזערע אַלע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן און אַקטיוויטעטן איז איצט אָפּהענגיק פון דער יידישער קהילה אין לאָס אַנדזשעלעס. די טויזנטער ניי־געקומענע קענען ווערן אַ וויכטיקער צושטייער צו אונדזער יידיש לעבן דאָ אין שטאָט. מיר דאַרפן געדענקען אַז די זעקס טויזנט סאָוועטישע יידן זיינען מיט געוואַלד און טעראָר אָפּגעשטויסן געוואָרן פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן דאָרט אין זייער היים. יעדער איינער פון זיי איז אַהער געקומען מיטן „פּינטעלע ייד“ אין זיך. דער גאַנצער יידישער ישוב אין לאָס אַנדזשעלעס דאַרף זיין פאַראינטערעסירט אין זייער וווילזיין און אויפלעבונג.

*Greetings from*

**SCHWARTZ PRINTING CO.**

*Printers of the "Heshbon"*

773 Kohler Street

Los Angeles, Calif. 90021

Tel. 624-9378